4 זיי בינדן שווערע לאַסטן און לייגן זיי אויף מענטשנס
שולטערן; אַליין אָבער ווילן זיי די דאָזיקע אַפֿילו
5 מיט דעם פֿינגער נישט אָנרירן. און אַלע זייערע
מעשׂים טוּן זיי, כּדי פֿון לייטן געזען צו ווערן.
וואָרום זיי מאַכן ברייט זייערע תּפֿילין, און לאַנג די
6 ציצית, און האָבן ליב דאָס אָרט אויבנאָן אויף
7 סעודות, און די ערשטע ערטער אין שול, און דאָס
שלום־אָפּגעבן אויף די מערק, און פֿון לייטן גערופֿן
8 צו ווערן רבי! איר אָבער זאָלט זיך נישט רופֿן רבי,
וואָרום איינער איז אייער רבי, און איר אַלע זענט
9 ברידער. און רופֿט נישט קיינעם אויף דער ערד
אייער פֿאָטער; וואָרום איינער איז אייער פֿאָטער,
10 וואָס איז אין הימל. איר זאָלט זיך אויך נישט רופֿן
מדריכים; ווייל איינער איז אייער מדריך, דער
11 משיח. דער גרעסטער צווישן אייך זאָל זיין אייער
12 משרת. און ווער עס וועט זיך אַליין דערהייכן,
דער וועט דערנידעריקט ווערן; און ווער עס וועט
זיך אַליין דערנידעריקן, דער וועט דערהייכט ווערן.
13 וויי איז אָבער צו אייך, סופֿרים און פּרושים,
צבֿועקעס! אַז איר פֿאַרשליסט דאָס מלכות־השמים
פֿאַר די מענטשן. וואָרום איר גייט נישט אַריין, און
די אַריינקומענדיקע לאָזט איר נישט אַריינגיין.
14 (וויי איז צו אייך, סופֿרים און פּרושים, צבֿועקעס!
אַז איר שלינגט איין די הייזער פֿון די אַלמנות,
און פֿאַר אַן אויסרייד דאַוונט איר לאַנג. דערפֿאַר
וועט איר באַקומען אַ האַרבער משפּט.)
15 וויי איז צו אייך, סופֿרים און פּרושים, צבֿועקעס!
אַז איר פֿאָרט אַרום איבער ים און יבשה, כּדי צו
מאַכן אַ גר; און ווען ער ווערט עס שוין, מאַכט
איר אים פֿאַר אַ בן־גיהנום טאָפּלט מער ווי איר
זענט אַליין.